LIVING TORAH

# פרשת שמות

## בס"ד. התוועדות כ"ד טבת תשמ"א

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

אין דעם הנפש אשר עשו, וואס כאמור איז דאס איז געווען (אן עיקר, און) דער עיקר בא דעם בעל ההילולא, כמדובר לעיל -

איז אין דעם נפש, כאמור, איז דאך דא כמה חילוקים, וואט ווי מ'זעט בפועל - אויף וויסן וואס איז געווען אין דערויף גופא דער עיקר (אויב ס'איז געווען אן עיקר), צי אין ראשיכם צי אין די שאר החלוקות ביז אין שואב מימיך, ועד"ז בנוגע צו דער חלוקה פון יששכר וזבולון, וואס דאס איז דאך חלוקות עיקריות אין די עשר סוגים פון ראשיכם ביז שואב מימיך, ועד"ז אויך אין דער חלוקה עיקרית צווישן צדיקים און בעלי תשובה,

וואס דאס האט דאך א קשר צו דער חלוקה פון יששכר וזבולון, וואס יששכר איז בכללות ענינו יושב אוהל, אן אופן העבודה אין תורה ומצוותי', וואס דאס איז די ד' אמות פוך א אידן, כאופן עבודת הצדיקים תמידים כסדרם, וואס א איד געפינט זיך ווי דער פס"ד הרמב"ם אין אן ארט וואו ס'איז דא אידישקייט, און וואו עס איז לייכט דורכצופירן כל עניני אידישקייט וכו',

און דערנאך דער ענין פון זבולון וואס ענינו איז - אין ארץ כנען, כנען מלשון מסחר, עוסק בפרקמטיא, וואס צוליב דערויף דארף ער ארויס חוץ מד' אמות של בית הכנסת ובית המדרש,

וואס דארט איז דאך ניט קיין ענין פון מסחר, פון עוסק בפרקמטיא, ואדרבה - דארט טאר גאר ניט זיין דער ענין המסחר, ווארום דאס איז א בית כנסת ובית מדרש, ווי אראפגעבראכט בפשטות אין די דינים פון שו"ע,

וואס דערפאר דארף דאך זיין דער "יוצא", לאחרי ההליכה פון בית הכנסת לבית המדרש, איז דערנאך איז מען "יוצא" לפרקמטיא, "הנהג בהן מנהג דרך ארץ", אין דעם ארץ, ביז אין "קרב הארץ",

וואס עפ"ז איז אויך מובן אז דאס איז מתאים צו דעם חילוק אין די סוגים, אז יששכר איז בכללות ענין עבודת הצדיקים, וואס אין תורה גופא איז דאך אויך דא דער ענין המצוות, און זבולון איז כללות ענינו - די עבודה פון בעל תשובה.

וואס אויף דערויף גופא איז דאך אויך דא א הוראה ברורה און א הודעה ברורה - וואס איז געווען דער עיקר עבודה, דער עמל אשר עמל בו, עיקר בזה, בנוגע צו דעם אלטן רבי'ן,

כידוע פון דעם חלום, וואס איז דערנאך דערציילט געווארן און פארשריבן געווארן און געהייסן אפדרוקן דאס ע"י נשיא דורנו דער רבי דער שווער,

וואס מ'גייט איבער א טייך פון מים רבים, על גשר (אויף א בריק), און דער בריק שאקלט זיך, בשעת מ'גייט, און דערנאך איז געגאנגען דער אלטער רבי און עס האט זיך ניט געשאקלט,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שמות

און דער ביאור בזה אין פתרון החלום וואס איז שוין אויך געדרוקט, דערפאר וואס עבודתו (און מ׳מוז זאגן - אז עיקר עבודתו, ווארום ער האט דאך געטאן (אויך אין אן אופן פון עמלו אשר עמל בו) אויך מיט צדיקים, איז דער עיקר עבודתו, עיקר עמלו) - איז די עבודה מיט בעלי תשובה, אויף מאכן בעלי תשובה,

וואס דאס איז די הוראה נוספת, און דאס איז אויך דער ביאור בדרך אפשר אויף דער השתדלות און דעם עמל אשר עמל בו פון נשיא דורנו פון רבי׳ן דעם שווער, אז מ׳זאל דוקא איבערזעצן ענינים פון פנימיות התורה און פון נגלה דתורה בלשון פון עם ועם, כדי צו דערגרייכן אידן וואס אויף אן אנדער לשון קען מען גאר מיט זיי ניט רעדן,

און זיי ווילן זיך גאר לפי שעה ניט לערנען אז זיי זאלן נתקרב ווערן צו דעם לשון אין וועלכן ס׳איז געשריבן געווארן תושבע״פ אדער אין וועלכן עס האבן גערעדט תנאים ואמוראים, ביז דעם בעש״ט, וואס דער אלטער רבי שרייבט דאך אויף אים אז ער האט גערעדט זיינע תורות אין אידיש,

ועד״ז די רביים נשיאים שלאח״ז, אנהויבנדיק פון דעם בעל ההילולא, ביז נשיא דורנו דעם רבי׳ן דעם שווער וואס אויך מדברים אויף אידיש.

און אע״פ וואס ער וויל זיך ניט לערנען כדי צו נתקרב ווערן און קענען לערנען די תורה כפי שנאמרה - האט מען געהייסן אז עס זאל זיין דער נסעה וירדה, ודוקא בדורנו זה, ע״י נשיא דורנו, וואס ער האט דאך געזעך די צרכי הדור און די דרכים דורך וועלכע מ׳דארף אויפטאן אין דעם דור במיוחד, אז עס זאל אויפגעטאן ווערן דוקא דורך דער העתקה ללשון כל עם ועם - ווי ער האט דאס געטאן אויך בפועל, און געהייסן אז מ׳זאל דאס ממשיך זיין באופן כזה אין כל מדינה ומדינה בלשונה,

איז אויך צוליב,די סארט אידן, ואדרבה, אין דערויף דארף זיין די השתדלות מיוחדה, ווי דערציילט אין מדרש אין דער פרשה פון שבת שלפני יום ההילולא, דמיני׳ מתברכין כולי יומא, אין פרשת שמות, אויף ומשה הי׳ רועה, אז דער עיקר השתדלות איז געווען מיט דער ״שה פזורה״ וואט זי איז אנטלאפן פון דעם עדר,

און אנטלאפן אין מדבר, נחש שרף ועקרב וצמאון אשר אין מים, און אהינצו איז געגאנגען משה, און האט זי דערנאך געטראגן בידיו, כמבואר דער סיפור בארוכה, וואס דאס איז דאך א סיפור (א הוראה א חלק פון תורה) אין מדרש רבה.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.